**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) פראקלאמירט נאוועמבער אלס 'ניו יארק סטעיט אפרענטיסשיפ חודש'**

***נייע עפנטליכע קאמפיין הייבט ארויס די בענעפיטן פון רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפס פאר ניו יארקער און ביזנעסער אריבער די סטעיט***

***אונטערנעמונג צו לאזן וויסן פאר סטודענטן איבער חובות-פרייע טרענירונג פון א הויכע קוואליטעט פאר די קאריערעס פון די צוקונפט***

***PSA פאר אפרענטיסשיפ אויפמערקזאמקייט חודש פארעפנטליכט אויף [YouTube]***

צום דריטן יאר אין א רייע, האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט [פראקלאמירט] נאוועמבער אלס די ניו יארק סטעיט אפרענטיסשיפ חודש אלס טייל פון אירע פארגעזעצטע שטיצע פאר די גאר ווירקזאמע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג מאדעל וואס העלפט אנגרייטן דעם קומענדיגן דור פון ניו יארקער פאר די קאריערעס פון די צוקונפט. אלס טייל פון די אנאנסירונג, איז די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL) ארויסגעקומען מיט אן עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין, מיט מאטעריאלן וואו קאמישאנער Reardon (ריערדאן) און ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען (New York State Education Department, NYSED) קאמישאנער Betty Rosa (בעטי ראָוזע) הייבן ארויס רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפס אלס א פארעם פון העכערע בילדונג וואס קומט אפט אן חובות. די NYSDOL ארבעט אויך מיט NYSED צו פארשפרייטן די ידיעה און אינפארמאציע צווישן סקול דיסטריקטס איבער די פאזיטיווע וועג צו גוטע קאריערעס.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן א שטארקע, סטאבילע און גערעכטע סטעיט רעגירונג, און מיר פארלאזן זיך אויף אונזערע סטעיט רעגירונג ארבייטער צו אהערשטעלן די וועזנטליכע סערוויסעס אויף וועלכע מיר פארלאזן זיך יעדן איינציגסטן טאג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די געהאלט העכערונגען וועלן אונז ערלויבן צו היטן אויף די יעצטיגע ארבייטער און צוציהען נייע ביי אונזערע סטעיט אגענטורן און רעגירונג כדי מיר זאלן קענען פארזעצן אונזער מיסיע צו ברענגען די שטיצע פון די העכסטע קוואליטעט וואס ניו יארקער ערווארטן און וואס קומט זיך זיי, יעצט און אריין אין די צוקונפט."

אלס טייל פון 'אפרענטיסשיפ חודש', האט די NYSDOL אויפגעדעקט איינצלהייטן איבער די 2024 ניו יארק סטעיט אפרענטיסשיפ צוזאמקום, וועלכע וועט פארקומען נאוועמבער 14, 9:30 אינדערפרי אין Meeting Room 6 פון די Empire State Plaza Convention Center אין אלבאני. די צוזאמקום וועט צוזאמברענגען ארבעטסקראפט אנטוויקלונג עקספערטן, שתדלנים און פארמישטע קערפערשאפטן צו ארבעטן צוזאמען אויף וועגן צו אויסברייטערן פארשידנארטיגקייט, אדרעסירן שטערונגען און צוציהען פראגראם ספאנסארס צו די פארעם פון העכערע בילדונג. רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפס גיבן צוטריט פאר ניו יארקער צו קאריערעס פון א הויכע קוואליטעט דורכן זיך אריינלערנען אויף די דזשאב און

באגלייטנדע קלאסצימער לעקציעס. אפּרענטיסעס קענען אהיימברענגען א געהאלט צו שטיצן זיך און זייערע פאמיליעס, אן די לאסט פון סטודענט הלוואה חובות.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, Roberta Reardon (ראבערטאָ ריערדאן), האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו שטיצן רעגיסטרירטע אפּרענטיסשיפּס און פארן אנערקענען ווי וועזנטליך טרענירונג פון א הויכע קוואליטעט זענען פאר אירע פלענער פאר עקאנאמישע בליהאונג. עס איז מיין האפענונג אז דורך די לעצטע עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין, וועלן שותפים אין עדזשוקעישען מוטיגן ניו יארקער צו נעמען אין באטראכט צו אריינגיין אין רעגיסטרירטע אפּרענטיסשיפּס אלס אן ערררייכבארע וועג אריין צו ערפאלגרייכע קאריערעס."

די NYSDOL זעהט איבער רעגיסטרירטע אפּרענטיסשיפּ פראגראמען, בשותפות מיט די סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט וועלכע באשטעטיגט די חלק פון די קלאסן פון דעם פראגראם. א רעגיסטרירטע אפּרענטיסשיפּ פאלגט נאך אן אוועקגעשטעלטע סעריע פון טרענירונג וואס איז אויסגעשטעלט לויט די באדערפענישן פון יעדע ספעציפישע אינדוסטריע אין יענע צייט, רעגולירט דורך רעגולאציעס אויף די סטעיט און פעדעראלע שטאפל, און א נאציאנאל-אנערקענטע און נוצבארע סערטיפיקאט ווערט געגעבן ביים פארענדיגונג. ניו יארק סטעיט האט מער פון 17,000 אקטיווע אפּרענטיסעס זיך באטייליגנדיג אין איבער 900 פראגראמען אריבער די סטעיט. די NYSDOL זעצט פאר צו אויסברייטערן פראגראמען אריין אין נייע אינדוסטריעס, און זי מוטיגט ביזנעסער פון אלע מאסן צו נעמען אין באטראכט צו נוצן די מאדעל צו נאכקומען זייערע אנטוויקלנדע ארבעטסקראפט באדערפענישן.

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט קאמישאנער, Betty A. Rosa (בעטי א. ראָוזע), האט געזאגט,** "אזוי ווי די סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט ארבעט צו טראנספארמירן די פאדערונגען צו קענען גראדואירן כדי צו בעסער נאכקומען די באדערפענישן פון סטודענטן און זיי אנגרייטן פאר די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט — איז דאס אויסברייטערן אפּרענטיסשיפּ געלעגנהייטן מער קריטיש פון סיי ווען בעפאר. נישט נאר טוהען אפּרענטיסשיפּס אפפערן איינס פון די מערסט דירעקטע וועגן פאר סטודענטן צו אנהויבן א קאריערע וואס וועט זיי באצאלן א געהאלט פון וואס זיי קענען לעבן, נאר זיי קענען אפט פארענדיגט ווערן אן די פינאנציעלע שוועריגקייטן וואס קענען קומען פון סטודענט הלוואות. איך באדאנק די NYSDOL פאר זייער פארגעזעצטע צוזאמענארבעט צו פארמאכן די שפאלט צווישן אונזער סטעיט'ס ארבעטסקראפט און די נישט אויסגענוצטע פאטענציאל פון אונזערע סטודענטן."

**SUNY טשענסעלאר John B. King Jr. (דזשאן ב. קינג דזשוניאר) האט געזאגט,** "אפּרענטיסשיפּס עפענען טירן צו געוואלדיגע קאריערעס און צו די מעגליכקייט צו ארויפקריכן אויף די געזעלשאפטליכע לייטער, אפטמאל מיט כמעט נישט אדער בכלל נישט קיינע קאסטן פאר דעם ערוואקסענעם סטודענט, און ביי SUNY באנוצן מיר זיך מיט די לעצטע טעכנאלאגיע צו אויספלאסטערן די וועג פאר פראקטישע לערנונג און צו נאכקומען די באדערפענישן פון די היינטיגע ארבעטסקראפט. מיינע דאנקען פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און פאר אונזער שותף'טע, NYSDOL קאמישאנער Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן), פאר זייער פארגעזעצטע איבערגעגעבנקייט און שטיצע צו פארגרעסערן די וועזנטליכע פראגראמען אריבער ניו יארק."

**CUNY טשענסעלאר Félix V. Matos Rodríguez (פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז) האט געזאגט,** "אפּרענטיסשיפּס גיבן פאר ניו יארקער א דירעקטע וועג צו דזשאבס און זענען דערפאר קריטיש פאר CUNY'ס ארבעט צו אויסברייטערן צוטריט צו די 'בריק' פון די קלאסצימער צו א קאריערע. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר די פילפאכיגע באמיאונגען דורך גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנערס Reardon (ריערדאן) און Rosa (ראָוזע) צו אוועקנעמען שטערונגען, פארשפרייטן באקאנטשאפט און אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר CUNY סטודענטן זיך צו באטייליגן אין פרי-אפּרענטיסשיפּ און רעגיסטרירטע אפּרענטיסשיפּ פראגראמען אין ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד Harry Bronson (הערי בראנסאן) האט געזאגט,** "אלס פארזיצער פון די אסעמבלי לעיבאר קאמיטע (Assembly Committee on Labor), גלויב איך אז שטארקע טרענירונג פראגראמען זענען קריטיש צו ערגרייכן אונזער סטעיט'ס עקאנאמישע ציהלן, און די מאדעל וואס ערלויבט מענטשן צו פארדינען בשעת'ן לערנען איז גאר וויכטיג צו ארויפשטעלן מענטשן אויפן וועג צו הצלחה אין זייער קאריערע. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) און די DCS פארן אונטערנעמען די שריט צו פארשפרייטן די ידיעה צווישן שותפים אין עדזשוקעישען און סטודענטן איבער די געוואלדיגע געלעגנהייט פון רעגיסטרירטע טרענירונג פראגראמען. מיטן פראקלאמירן נאוועמבער אלס דעם 'ניו יארק סטעיט אפרענטיסשיפ חודש', טוהען מיר דאס באקאנט מאכן אז ניו יארקער האבן אן ערגרייכבארע וועג צו באריכערנדע קאריערעס פון א הויכע קוואליטעט מיט א געהאלט פון וועלכע מען קען אויסהאלטן א פאמיליע."

מענטשן וואס זענען אינטערעסירט צו לערנען מער איבער אפרענטיסשיפס און געלעגנהייטן אין פארשידענע פעלדער — באזוכט: [https://dol.ny.gov/apprenticeship/](https://dol.ny.gov/apprenticeship/). ביזנעסער וועלכע זענען אינטערעסירט צו לערנען מער איבער רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפס זאלן [אויספילן די בויגן](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)